# המשך תוכן השיחות בעת ניחום אבלים אצל רבינו שליט"א
# על פטירת אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל
# יום ג' פרשת שלח כ"ב סיון תשע"ח לפ"ק – לפנה"צ ואחה"צ

## בענין תנחומי אבלים

**א' מהנוכחים:** ווען אברהם אבינו איז נסתלק געווארן, שטייט אין פסוק (בראשית כה-יא) ויברך אלקים את יצחק בנו, זאגט רש"י, אז ער האט אים מנחם געווען מיט תנחומי אבלים. זאגט דער **תפארת שלמה** (פ' חיי שרה), אז די גרעסטע נחמה איז געווען, אז ער האט אים געזאגט יצחק בנו, ער איז נאך אלץ בנו, ווען עס וועט זיין תחיית המתים וועט מען זיך צוזאמקומען. דאס איז א ריכטיגע נחמה, מען האפט אז עס וועט זיין תחיית המתים, און עס וועט זיך צוזאמקומען דער טאטע מיטן זון.

**רבינו:** מען געפונט ביי דוד המלך ווען ער האט געקלאגט אויף זיין זון אבשלום (שמואל ב יט-א), אז ער האט געזאגט בני בני. ער האט אים גערופן בני, דאס איז געווען די תנחומין.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט אים טאקע אויפגעהויבן מיט דעם.

**רבינו:** מיט דעם ווארט בני, מיט דעם הייבט מען אויף, דאס אליין איז געווען די תנחומין.

עס שטייט אין די תולדות פונעם **ליסקער רב**, אז ער איז אמאל געקומען צום **צאנזער רב** אויף א שבת. און דער **צאנזער רב** איז ל"ע געזעסן שבעה דעמאלטס, און ער האט נישט געוואוסט, ער איז געווען אין א אנדערע מדינה. ווען ער איז אנגעקומען קיין צאנז האט ער געהערט אז דער **צאנזער רב** זיצט שבעה, האט ער נישט געוואלט אריבערגיין, ווייל ער האט נישט געוואלט זעהן דעם **צאנזער רב** זיצען אויף די ערד. האט ער געווארט ביז נאך חצות, און דעמאלטס איז ער ערשט אריבערגעגאנגען. און דער **צאנזער רב** האט מתמרמר געווען אויף די פטירה פון זיין קינד, און דער **ליסקער רב** האט אים געזאגט דברי תנחומים, ווי דער סדר איז. און דער **צאנזער רב** האט מזכיר געווען, אז מען געפונט אז דוד המלך האט אויך מתמרמר געווען בני בני. האט דער **ליסקער רב** געזאגט, אז די גמרא (סוטה י:) זאגט דאך אז ער האט אים געוואלט מעלה זיין פון שבעה מדורי גיהנם. האט דער **צאנזער רב** געזאגט, און וואס האבן מיר אינזין...

## אודות הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל
## עם האדמו"ר בעל אמרי חיים מוויזניץ זצ"ל

**בנו הרה"ג רבי אשר אנשיל שליט"א אב"ד חרדים:** די לעצטע דרשה האט דער טאטע געהאלטן אין די וויזניצער בית המדרש.

**האדמו"ר מוויזניץ וומסב"ג:** ווען מען האט מחנך געווען די נייע בית המדרש. ער האט דעמאלטס אסאך ארומגערעדט וועגן נישט רעדן ביים דאווענען.

**הר"ר עקיבא שטראססער:** ער האט עס נישט געוואלט אננעמען, עס איז אים געווען זייער שווער דאס רעדן.

**אב"ד חרדים:** אבער מיט דעם אלעם האט ער געזאגט, אז ער שפירט אז ער דארף, און ער מוז, און ער איז געגאנגען.

**הר"ר עקיבא שטראססער:** ווען דער טאטע (האדמו"ר מוויזניץ זצ"ל) איז געווען דאס לעצטע מאל אין וויליאמסבורג, איז ער אריינגעגאנגען, ער האט געקענט די משפחה פון דערהיים.

**בנו אב"ד תו"א וומסב"ג:** ער פלעגט דערציילן די מעשה פונעם **סערדאהעלער זיידע** מיטן **בעלזער רב**, אז ער האט געדאווענט מנחה פארן עמוד, און די מעשה פון די שופר מיט די האניג.

**האדמו"ר מוויזניץ וומסב"ג:** וואס איז די מעשה?

**רבינו:** דער **טאטע ז"ל** פלעגט פארציילן, אז פארן קריג איז ער געווען איינגעריקט אין די מיליטער אלץ סאלדאט, און עס איז אים אויסגעקומען צו זיין פאר ראש השנה נעבן גרויסווארדיין. האט ער געבעטן א גוי זאל אריין

פארן אין גרויסווארדיין, און ער זאל פרעגן וואו ראביי האגער (בעל **אמרי חיים מוויזניץ זצ"ל**) וואוינט, און ער האט אים מיטגעגעבן א צעטל, אין וואס ער בעהט פון אים, ער זאל אים שיקן א שופר מיט האניג אויף ראש השנה. ער האט געזאגט פארן גוי, איך וועל דיר צאלן ווען דו וועסט צוריק ברענגען די זאכן. דער **אמרי חיים** האט אים צוזאמגעשטעלט א גאנצע פעקל, סעודות שבת און סעודת יום טוב, חלות מיט פלייש, און ער האט עס צוריק געשיקט מיט גוי ער זאל האבן אויף יום טוב. ווען דער טאטע איז געקומען דא אין וויליאמסבורג צום **אמרי חיים**, האט ער אים דערמאנט ווי ער האט געבעטן א שופר מיט האניג, און ער האט אים געשיקט א גאנצע סעודה. ער פלעגט נאכזאגן, אז דער **אמרי חיים** האט דעמאלטס געזאגט, אז שופ"ר איז פ"ר דינים, און ש"ו איז בגימטריא דב"ש, די דבש איז ממתיק די פ"ר דינים. די שופר מיטן האניג האבן א קשר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ווען דער **אמרי חיים** איז דאהי געווען, ערגעץ אין יאר תשי"ב, איך בין נאך געווען פאר די בר מצוה, בין איך געווען ביים טיש פונעם **אמרי חיים**, האט ער אליינס פארציילט די מעשה. ער האט געפרעגט אויף מיר ווער איז דער בחור, האט מען געענטפערט דעם סאמבאטהעלער רב'ס זון. רופט ער זיך אן, אה, דער מיטן שופר און פלעשל האניג. און ער האט פארציילט די מעשה פארן גאנצן עולם ביים טיש. טרערן זענען אים געקומען פון די אויגן. ער האט געזאגט, א יוד איז אין צרות אין די ארמיי, און ער האט נישט קיין אנדערע דאגה, ער האט געבעטן א שופר מיט א פלעשל האניג. ער האט עס איבער געזאגט א צוויי דריי מאל, א שופר מיט א פלעשל האניג. - ער האט נישט פארציילט אז ער האט צוריק געשיקט א סעודת שלמה, דאס האט שוין דער טאטע פארציילט.

---

**בענין עשית מנינים הרבה**
**על ידי האבלים ובעלי יארצייט**

---

**האדמו"ר מגארליץ** [שאל את האבלים]: וואס איז וועגן דאווענען פארן עמוד, ווען עטץ זענטס צוזאמען. עטץ דאווענטס אלע צוזאמען, אדער עטץ מאכטס עקסטערע מנינים. איך האב געזעהן אפאר יאר צוריק אין איינע פון די שמועסן פונעם וויזניצער רבי, ברענגט ער דארט, אז ער האט געזאגט, אז מען זאל דאווענען צוזאמען.

**האדמו"ר מוויזניץ וומסב"ג:** אלץ ברוב עם הדרת מלך. דער טאטע האט נישט געהאלטן פון זיך צוטיילן. ער האט געהאלטן אז עס איז א טובה פאר די נשמה, אז נישט. נאר מען זאל דאווענען אלע צוזאמען. ער האט אסאך מאל גערעדט דערפון ברבים. ער האט נישט געהאלטן אז מען זאל זיך אפרייסן, עס איז דא א גרויסער ציבור, און מען גייט מאכן עקסטערע מנינים.

**רבינו:** צו דאווענען מוסף, האט מען נישט געמאכט עקסטערע מנינים?

**האדמו"ר מוויזניץ וומסב"ג:** מען האט זיך איינגעטיילט. איינער האט געדאווענט, און א צווייטער האט געזאגט קדיש, און איינער האט געדאווענט מנחה. מען איז געגאנגען אין א רייע, אבער מען האט נישט געמאכט מנינים.

**האדמו"ר מגארליץ:** איך זאג אסאך מאל ביי מיר אין בית המדרש, ווען עס איז דא א פיר פינף חיובים, און יעדער וויל ארויסגיין מיט עלף צוועלף מענטשען מאכן א מנין, און עס בלייבן ווייניג מענטשען אין בית המדרש, אז עס איז ברוב עם ווען אלעס דאווענט צוזאמען, ווען עס איז א גרויסער קדיש, און עס איז א גרויסער אמן.

**רבינו:** ווילאנג עס איז געווען אמאל קהלות נארמאל, איז נישט געווען אזא זאך. נאר איינער האט געזאגט. די קדישים זענען געווען איינגעטיילט, ווער עס האט א דין קדימה צו זאגן קדיש, און מען האט געווארפען גורל (עיין **במגן אברהם** סימן קל"ב בארוכה).

**האדמו"ר מגארליץ:** מען האט נישט געלאזט יעדן זאגן. מן הסתם איז אין וויען אויך אזוי.

**רבינו:** אין וויען איז אמאל געווען, אז אלע אבלים האבן געזאגט צוזאמען קדיש, נישט אזוי ווי עס איז געווען אמאל. אבער ווען עס איז געווען א יארצייט, איז געווען די לעצטע קדיש וואס נאר דער בעל היארצייט האט געמעגט זאגן. איין קדיש האט מען מקדיש געווען פארן בעל היארצייט.

## בענין המקרב את קרוביו, ונוסח ברכת תנחומין

**רבינו:** מען איז דא אויף א שמחה?

**הגה"צ רבי ישראל חיים הורוויץ שליט"א אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער:** מיין ברודער האט חתונה געמאכט. **רבי יענקעלע** פלעגט נאכזאגן פונעם **שינאווער רב**, אז צו פארן צו א געשוויסטערס שמחה, איז אזוי ווי צו פארן צו צדיקי הדור. איך ווייס נישט צו ער האט געזאגט ווען א ברודער האט חתונה, צו ווען א ברודער מאכט חתונה.

**רבינו:** וואס איז דער ביאור דעריין.

**אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער:** המקרב את קרוביו איז מסוגל אויף קיבול תפלות. אז תקרא וה' יענה (ישעיה נח-ט) גייט ארויף אויף המקרב את קרוביו (יבמות סו:). און פארן צו צדיקים, איז אויך מעלה אונזערע תפלות.

**רבינו:** איך האב געזעהן ערגעץ, איך קען זיך נישט דערמאנענן וואו, אז איינער האט צוואה געלאזט אז מען זאל צוטיילען זיין פארמעגן פאר זיינע קרובים, און עס איז געווען שפעטער א גאנצע דין ודברים ווי ווייט הייסט קרובים. בלשון בני אדם און בלשון חז"ל. עס איז נוגע אויך, וויפיל עס איז די שיעור פון המקרב את קרוביו.

**אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער:** די לשון איז ז' קרובים.

**רבינו:** ביי צוואה גייט מען אחר לשון בני אדם, און לשון בני אדם איז מער ווי די ז' קרובים.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אין חז"ל הייסט א זיידע גארנישט א קרוב.

**רבינו:** פסולי עדות איז דא אסאך אלץ קירבה, אויסער די ז' קרובים.

**אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער:** די גמרא (סנהדרין י.) זאגט, אדם קרוב אצל עצמו, ער איז אויך נישט פון די ז' קרובים.

**רבינו:** מען געפונט טאקע אז דער נפש איז מתאבל אויף אים אליין אויך, עס איז אויך אבלות פון קרובים.

**אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער:** ווען **הרב לאנדא ז"ל** איז נפטר געווארן, האב איך געהערט ווי א אלטער ליובאוויטשער חסיד, וואס איז דעמאלטס געקומען פון רוסלאנד, האט מנחם געווען, און ער האט געזאגט המקום ינחם אתכם בתוך אבלי ציון, און ער האט נישט געזאגט 'שאר' אבלי ציון. שפעטער האב איך זיך מתבונן געווען, אז עס איז אפשר מער מדוייק. בתוך שאר חולי ישראל, ער איז א חולה און א אנדערער איז אויך א חולה, אבער דא איז דאך א אבילות יחיד. - אבער אין אזא פאל פון א אדם חשוב, א אדם גדול, וואס איז א בחינה פון שריפת בית אלקינו, איז דאך דאס אזוי ווי אבלי ציון, איז עס בתוך 'שאר' אבלי ציון, דאס איז אויך אבלי ציון.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אויף יעדער יוד זאגט די גמרא (שבת קה:), ווען מען גייט אוועק איז ער דומה ווי א ספר תורה שנשרף.

**רבינו:** א ספר תורה איז נישט ציון וירושלים, שריפת בית אלקינו איז יא.

## עובדות והנהגות מאת הנפטר הגדול זצ"ל, ומחותנו הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל, ואודות הגאון בעל שבילי דוד מוויטצען זצ"ל, ועוד

**הרה"ג רבי ישעי' אשר אנשיל ווייס שליט"א, מגיד מישרים:** ער איז געווען מלא חיות, די חיות וואס דער מענטש האט פארמאגט. עס איז געווען א יוד, ער האט געוואוינט אויף דיוויזשאן עוו. ער פלעגט דאווענען ביי מיין שווער'ס בית המדרש, ער פלעגט גיין צו די דרשות און סעודה שלישית [של **הגה"צ מתולדות אהרן זצ"ל**], האט ער מיר אמאל געזאגט, אז זייט דעם רבי'ן [**הרה"ק מסאטמאר**] ז"ל האב איך נאך קיינמאל נישט געוויינט ביי א דרשה, ווי ביי זיינע דרשות. ער איז שוין געווען א עלטערער יוד, א אכציג יעריגער יוד. די סארט התעוררות האט ער נאך זייט דעמאלטס נישט געהאט.

עס איז חשבונות פונעם אייבערשטען, מען ווייסט דאך די מעשה מיטן **אוהעלער רב רבי משה יוסף זצ"ל**, אז מען האט געזאגט, אז די שטן איז זיך מקנא אין אים, אז ער איז מעורר אזויפיל יודען לתשובה, ער איז צוזאמגעפאלען אינמיטן א דרשה, און איז אוועק.

**רבינו:** ער איז געפארן ערגעץ אין דער פרעמד זאגן א דרשה. און דער **שינאווער רב** האט אים געבעטן אז ער זאל נישט גיין.

**הגר"י ווייס:** עס שטייט דאך (באגרת **הרמב"ם**) אשרי מי שחתמו ימיו במהרה, וואס פארשטייט מען...

**בנו אב"ד תו"א וומסב"ג:** ער האט מיר אמאל געזאגט, אז ער פראבירט כמעט נישט אפצוזאגן קיין דרשות, ווייל אפשר וועגן דעם האט אים דער אייבערשטער דא געלאזט, ער איז דאך שוין כמה פעמים געווען זייער נישט געזונט, דארף ער טון וואס ער קען פארן אייבערשטען. ער איז כמעט איבעראל געגאנגען, חוץ ווען ער האט געטראכט אז יענער האט חשבונות..., אויב ער האט געזעהן אז יענער מיינט מחזק צו זיין יודען, איז ער געגאנגען רעדן.

**הגר"י ווייס:** איינער האט מיר פארציילט, אז ווען ער איז געווען נישט געזונט, האבן די דאקטוירים געוואלט טון נאך עפעס, צו באווארענען אז עס זאל נישט צוריקקומען. און זיין שווער דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל** האט אים געזאגט, אז ער דארף לאזן א מקום זיך צו פארלאזן אויפן אייבערשטען. עס איז א מורא'דיגער יסוד, אז צופיל השתדלות טאר מען נישט מאכן.

**רבינו:** איך וויל נאר ארויסברענגען, אז אזא מעשה איז נישט געזאגט געווארן פאר א רבים, מען דארף זיין דערביי. ער איז געווען דערביי, האט ער עס געקענט זאגן.

**הגר"י ווייס:** אין למידין הלכה מפי מעשה (בבא בתרא קל:).

**בנו אב"ד תו"א וומסב"ג:** די מדת הבטחון מעסט זיך יעדער לפי זיין מדריגה.

**רבינו:** ההשגחה לפי הדביקות (**מורה נבוכים** ח"ג פרק נא).

**הגר"י ווייס:** בשעת די מלחמות אין ארץ ישראל, איז ער נישט געגאנגען אין שעלטער. עס איז טאקע גארנישט געשעהן פאר קיינעם, זיין בטחון און אמונה איז געווען אין לשער[א].

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** מיין טאטע ז"ל פלעגט דערציילען, אז ביים בית המדרש אין תולדות אהרן איז געווען א ביע"ם וואס האט זיך

---

[א] מתוך דברי הספד שנשא **רבינו שליט"א** על פטירת **הגה"ק מתולדות אהרן זצוק"ל** ככלות השבעה לפטירתו, ה' טבת תשנ"ז לפ"ק, בבית מדרשנו בוומסב"ג: באמונה ישנם הרבה מעלות ומדרגות שונות זה מזה... ובהכלל ישראל עצמו, ישנו גם כן דרגות רבות בהאמונה אשר בו דבקים באמונת ה', ביי דעם רבי'ן האט געלאכטן די אמונה. האמונה היתה מאירה אצלו כדבר אשר רואים בחוש, שאין שייך להסתפק בזה, ואי אפשר כלל לפלפל עליו, באשר הדבר הוא בחוש הראות, וכל עין תעידהו, ככה היתה מאירה אצלו האמונה באלקי עולם. היה דבוק תמיד בה', וחי תמיד באמונת ה' ובהשגחה פרטית, אשר כל דבר מתנהג מאת ה', ואי אפשר לאדם לעשות דבר, רק להאמין שהכל מושגח מאתו יתברך, ונכון לבו בטוח בה'...

ובדבר הזה אחד היה אברהם, שלא עבד אלא לאלוה אחד, אצלו לא היה קיים שום דבר זולת הקב"ה בעצמו, ואמונתו בה' היתה ברור אצלו כמו דבר הנראה בעין. וסיפר לי אחד ששמע עובדא זו ממנו בעצמו, אשר פעם בימות הקיץ הלך לטבול עצמו, ופתאום בא נחשול שבים והמשיכה אותו אל לב הים, אל מקום כה רחוק, שכמעט לא היתה באפשרות לראות משם עוד יבשת הארץ. והרי לשוט לא היה יכול, והיה בסכנה עצומה, והרגיש כפסע בינו לבין המות. וסיפר, שאמר אז בלבו, רבונו של עולם, אני מאמין באמונה שלימה, שאף ברגע זו אשר כמעט נפשי יצאה בדברו, אם תרצה, היכולת בידך להושיע לי ולעמוד בעזרי. ואמר, שכאשר חשב דברים אלו בלבו, שוב בא נחשול שבים וזרקה אותו מאמצע הים עד ליבשה. וזהו אמונת ה', אשר גם בעת עמדו כפסע בינו לבין המות, במצב אשר בל יוכל להושיע, לבו היה בטוח בה', שהקב"ה עוזר וסומך לו, והוא יעמוד לימין אביון להושיעו, זהו אמונת אומן אמיתית אשר יבור לו האדם.

כאשר היתה המלחמה בארצינו הקדושה, וכלי המשחיתים והפצצות נשבו באויר, אשר החרידה את העיר כולה, והבנין אשר הוא היה שרוי בתוכו נרעד, וכסדר העולם בעת מלחמה, יורדים כולם אל תוך הבונקערס לעליה התחתונה להציל נפשם מיד שונא, ומשימים חול ועפר ליד החלונות שלא יגיע בפנים מכת חרב והרג. אולם הוא בגודל דביקותו באמונת ה' ישב עם עדה של כמאה אנשים, ולא הרשה לסתום חלונות הבית, רק צוה שישאירו הכל על מכונו, וירד קומה אחת בבנין באומרו שהאדם צריך לעשות קצת השתדלות במה שיכול להציל עצמו, והשאר צריך להשען על אבינו שבשמים. האדם צריך להיות בטוח שהכל מושגח, וה' יכול לעזור גם במצב כזו, לא כן כאשר האדם עושה כל השתדלות שבידו להציל נפשו, אזי משליך מעצמו הבטחון בצור כל העולמים, שהרי עשה כל מה שבידו, וסבומך על מעשה ידיו שיועילו לו. אולם כאשר משאיר פתח אשר יודע שמוכרח להגיע אל חסדי ה' אזי בוטח ב' כראוי, וככה ישב בבנין רועדת, ולא נתן לסתום חלונות הבית.

ארויסגעשטעקט, מען האט געהאלטן אינמיטן בויען. און פונדערוויטענס האבן זיי געמיינט אז דאס איז עפעס א וויכטיגער בנין, אז עס שטעקט זיך ארויס עפעס, און זיי האבן פראבירט דאס צו צילן, אבער עס איז גארנישט געפאלן דארט.

**הגר"י ווייס:** איך בין געוועזן ביי אים אין די דירה, ווען ער האט נאך געוואוינט אין ארץ ישראל. ווען איך האב געלערנט ביי **רבי אברהם גנוחובסקי זצ"ל** (מראשי ישיבת טשעבין), האט ער מיר אמאל געשיקט צו בארגען פון אים דעם ספר **נחל הברית** אויף הל' מילה [שחיבר **רבינו שליט"א**].

**רבינו:** ער איז דען געווען א מוהל?

**הגר"י ווייס:** ער האט געקענט כל התורה כולה, ער האט אלעס געוואלט וויסן.

**הרב רבי יהושע:** ווען איך האב געלערנט אין טשעבין, איינמאל פאר איך בין אהיימגעפארן פון ישיבה, האט ער מיר געבעטן א טובה, אז איך זאל אים עפעס טראגן קיין אמעריקא. האט ער מיר געפרעגט, ווי אזוי הייסטו? האב איך אים געזאגט. זאגט ער מיר, עס איז דא א ספר **ויאמר יהושע**, דאס האט עפעס מיט דיר? זאגט איך אים, יא, דאס איז מיין זיידע. זאגט ער נאכדעם, עס איז דא **ולאשר אמר**, זאג איך אים, יא דאס איז מיין עלטער זיידע. זאגט ער, אה הפלא ופלא. זאגט ער מיר נאכדעם, און דער **נחל הברית** און **אוצר השבת**... האט ער מיר דעמאלטס געזאגט, אז ער האט נאר דעם ערשטען חלק פונעם נחל הברית, די צווייטע חלק האט ער נישט, בעהט ער מיר, אז ווען איך קום צוריק פון אמעריקא, זאל איך אים ברענגען די צווייטע חלק. עס איז מיר געווען דעמאלטס אזא פלא. עס איז בכלל נישט פון זיין חדר, און ער האט אלעס געוואוסט אויפן פלאץ.

**הגר"י ווייס:** ער האט געהאט א מורא'דיגען מח. ווען איך האב ארויסגעגעבן די שלחן ערוך אויף אורח חיים פון הדרת קודש, און איך האב אים געברענגט די ערשטע באנד, נאך איידער ער האט אריינגעקוקט דערין, זאגט ער מיר, עס איז דא אויף שלחן ערוך או"ח א שיינער ספר פון א אונגארישען גדול, דער ספר **שבילי דוד**, און ער וויל וויסן צו איך האב עס אריינגעלייגט דארט אינעם ילקוט מפרשים. דער שבילי דוד איז א לומדות'דיגער ספר [מען האט טאקע אריינגעלייגט אינעם שו"ע הדרת קודש גאנץ שבילי דוד]. אלעס האט ער געוואוסט, און ער האט געקענט אויך די אלע ספרים, נישט סתם געוואוסט נעמען. אפילו **ויואל משה** האט ער גוט געקענט. אמאל האט אים א בחור געוואלט פארהערן, האט ער אים געפרעגט א קשיא וואס שטייט אין **ויואל משה**, האט ער אים געזאגט, די קשיא שטייט אין **ויואל משה**.

ער איז געווען א עכטער ליטווישער, אבער ער איז נתפעל געווארן פון די אונגארישע גדולים, אזא **שאמלוי'ער רב** האט זיך דען געוואלגערט אין די ליטא?! זיי זענען דאך געווען גאונים אדירים, ווער האט זיך געקענט פארמעסטן מיט א **שאמלוי'ער רב**.

**רבינו:** דער **שבילי דוד** אליין, האט דאך געוואוינט אין ירושלים. שפעטער איז ער צוריקגעקומען. - איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער **שבילי דוד** איז נאך געווען א יונגערמאן בשעת ער איז געפארן אויף ארץ ישראל, ער האט מיטגענומען זיינע קליינע קינדער, אזאנס איז נישט געווען בדרך כלל. ווען מען איז געפארן פון יוראפ אהין, זענען געפארן עלטערע יודען וואס האבן שוין געהאט חתונה געמאכט די קינדער, און זיי זענען געפארן זיך אויסלעבן די עלטערע יארן, אבער מיטנעמען קליינע קינדער און מגדל זיין דארט, איז געווען א חידוש. און ער איז דארט געווען אפאר יאר, און נאכדעם איז ער צוריקגעקומען מיט די קינדער. און יעדער האט זיך געוואונדערט, מעיקרא מאי קסבר, ולבסוף מאי קסבר. און ער האט זיך אמאל געטראפן מיטן **קול אריה**, האט אים דער **קול אריה** געזאגט, מען וואונדערט זיך אז איר זענט געפארן און צוריקגעקומען. וואס האט איר קודם געטראכט, און פארוואס זענט איר צוריקגעקומען. האט דער **קול אריה** ווייטער געזאגט, איך ווייס א הסבר. איר האט געטראכט אז אוירא דארץ ישראל מחכים (בבא בתרא קנח:), איז ממילא אז איר וועט גיין קיין ארץ ישראל, וועט איר זוכה זיין צו חכמה, זענט איר געפארן. ווען איר זענט אנגעקומען אהין, זענט איר טאקע געווארן א חכם, האט איר

פארשטאנען אז יוראפ איז בעסער פון ארץ ישראל, זענט איר צוריקגעקומען.

**הגר"י ווייס:** עס שטייט דאך (כתובות עה.) חד מינן כי סליק להתם, ווערט ער כתרי מינייהו.

**רבינו:** מען האט געזאגט אויף אים, אז ער איז צוריקגעקומען ווייל ער האט געזען אז זיין זון **רבי ישעי'**, דער **ווייצענער רב**, דער **מעשי למלך**, וואקסט א גדול, און ער האט פארשטאנען אז אין ארץ ישראל וועט ער נישט תופס מקום זיין, איז ער צוריקגעקומען קיין יוראפ כדי ער זאל קענען אויפטון מער ווי אין ארץ ישראל.

---

## עובדות וענינים מאת האדמו"ר
## בעל ברכת שמים מקאשוי זצ"ל

---

**רבינו** (שאל **להרב שאול שלום בלום שליט"א בן הגה"צ בעל ברכת שמים מקאשוי זצ"ל**)**: ווי אזוי שפירט מען זיך?**

**הרש"ש בלום:** עס איז געווען א יוד וואס איז שוין געווען אזוי אויף דער עלטער, האב איך אים אמאל געפרעגט ווי אזוי שפירט איר? זאגט ער, געלויבט דער באשעפער איך שפיר שוין אלעס...

**רבינו:** מען דארף זאגן געלויבט דער באשעפער, ווייל עס זענען דא אזעלכע וואס שפירן גארנישט... דאס איז נאך ערגער.

**הרש"ש בלום:** מיר זענען דאך קרובים אויך. איך האב אויף דעם א ראיה, אין מיין טאטענס התרת הוראה פונעם **שאמלוי'ער רב** שרייבט ער דארט 'ש"ב' (**הגה"ק משאמלויא** היה חתנו של **רבי יוסף דוד הורוויץ ז"ל** מק"ק ליסקא, חתן **הרב צבי יעקב רייכמאן ז"ל** מק"ק סיקס, שהיה זקינו של **הגה"צ מקאשוי זצ"ל**).

**רבינו:** וועלכע יאר האט ער עס באקומען, אלס בחור צו אלס יונגערמאן.

**הרש"ש בלום:** פאר די חתונה האט ער באקומען התרת הוראה פון זיין רבי'ן **רבי שאול בראך זצ"ל**. זיין רבי איז געקומען צו פארן צו זיין חתונה, און פאר די חופה האט ער אים ארויסגענומען אויפן הויף, און זיי האבן געשמועס דארט א האלבע שעה. דער טאטע האט קיינמאל נישט אויסגעזאגט וואס ער האט מיט אים גערעדט.

אין די הקדמה צו זיין ספר **טל השמים** (אות ג, ה), ברענגט ער אויפן **סטראפקובער רב רבי אברהם שלום זצ"ל**, אז עס איז ביי אים מקויים געווארן ותגזר אומר ויקם לך (איוב כב-כח), כאשר עיני ראו ולא זר, וכבוד אלקים הסתר דבר. האט אים איינער פון די קינדער אמאל געפרעגט וואס איז געווען די מעשה. האט ער געזאגט, האסט דאך געזעהן וואס עס שטייט דארט...

**רבינו:** אמאל איז דא א זאך וואס מען וויל נישט פארציילען ברבים, אבער פאר די קינדער פארציילט מען.

**הרש"ש בלום:** אלעס וואס ער האט געטון איז געווען ביי אים אזוי, מען האט נישט געקענט וויסן גארנישט. מען האפט אז בקרוב וועט ארויסקומען זיינע תולדות. איינער פון תלמידים האבן געזאגט, שרייבטס נישט קיין מופתים און אנדערע זאכען, שרייבטס ווער ער איז געווען.... א תלמיד האט פארציילט, אז דער טאטע פלעגט פארלערנען פרייטאג א שיעור שלחן ערוך פאר די בחורים אומאפיציעל. מען פלעגט זיך ארומזעצן, און ער האט פארגעלערנט. איין בחור איז געזיצען אונטער אים, און ער איז איינגעשלאפן, און די בחורים האבן צווישן זיך געשושקעט איינער צום צווייטען, וואס וועט זיין, די רבי וועט זיך באלד אויסדרייען נאכן שיעור זאגן קדיש, און ער וועט זעהן... זאגט ער וואס מיינט עטץ עס איז געווען. ער האט זיך אויפגעשטעלט, און געזעהן ווי דער בחור שלאפט, האט ער געזאגט דעם קדיש זייער שטיל, יתגדל ויתקדש שמיה רבא, אים נישט אויפצוּוועקן.

**רבינו:** מיט אזא הנהגה ווערט נתקדש שמיה רבא...

**הרש"ש בלום:** אין מאנטריאל איז געווען איינער וואס איז געווען זייער מסוכן, איז ער געקומען צו אים בעטן א ברכה. זאגט ער אים, וואס קומסטו צו מיר, עס שטייט אין די גמרא (בבא בתרא קטז.) ילך אצל חכם. זאגט אים יענער, אז עס שטייט אין **נימוקי יוסף** (שם) אז ילך אצל חכם מיינט א תופס ישיבה, איז ער שטיין געבליבן. נאכדעם זאגט ער אים, אזוי, עס וועט אי"ה זיין פיין. ער האט געלעבט נאך העכער צוואנציג יאר לענגער. ער האט אים געכאפט, אז עס שטייט 'תופס ישיבה'.

**א' מהנוכחים:** עס איז אמאל געווען א חתן, וואס האט זיך געשעמט אליינס צו פרעגן, האט ער

מיר געבעטן פרעגן פונעם טאטן [**הגה"צ מקאשוי זצ"ל**], אז היות זיין שבעת ימי המשתה געפאלט אין שבעה עשר בתמוז, צו ער דארף פאסטן. איך האב גערופען, און ער האט געטראכט א מינוט, זאגט ער, די כלה זיכער נישט. אויפן חתן פרעגט ער, צו ער האט נישט קיין שום מיחוש, ער איז נישט אויסגעמוטשעט. זאג איך אים, בפשטות נישט. זאגט ער, נו עס איז דאך פון נביאים, ער האט מיר געזאגט דעם לשון הפסוק (זכריה ח-יט) צום הרביעי, ער זאל פאסטן. און ער ענדיגט, מען זאל זיין געזונט, מזל טוב. פאר ער לייגט אראפ, הער איך ווי ער זאגט, האלא רבי שואל, אזוי האט ער געזאגט. ער האט געוואלט מאכן דעם חתן גוט שפירן, אז ער האט אים געהייסן פאסטן, זאגט ער, נישט פארגעסן צו זאגען דעם חתן ביי די שבע ברכות א נאכט פריער, אז איך האב געזאגט מען זאל אים געבן צוויי פארציעס אנשטאט איין פארציע, און ער האט געלאכט בשעת'ן זאגען...

**הרש"ש בלום:** דער טאטע האט קיינמאל נישט אראפגעלייגט קיין טעלעפאן, ער האט געווארט אויף יענעם, יענער זאל אראפלייגען. איינמאל בשעת די מחלוקת צייטן, האט מען אים גערופען אין בית המדרש אויפן טעלעפאן דארט, מיט אזא מין טעלעפאן קאו"ל. און ער האט געמיינט אז עס איז א דבר נחוץ, האט ער אויפגעהויבן, און יענער האט געזאגט, וואס ער האט געהאט צו זאגן... האט ער געזאגט פאר יענעם, טוט'ס מיר א טובה, איך האלט אינמיטן לערנען, רופטס מיר צורק ביינאכט. ער האט נישט געוואלט אראפלייגען.

**רבינו:** מען מוז נישט אראפלייגען, אבער מען מוז נישט אלעס הערן אויך נישט... ער איז אלץ געווען א אוהב שלום ורודף שלום.

**הרש"ש בלום:** בשעת עס איז געווען די מחלוקת פון **רבי שאול בראך זצ"ל** מיטן **מונקאטשער רב זצ"ל**, האט ער איינמאל פאר שבועות געבעטן זיין רבי'ן אז ער וויל פארן אויף מונקאטש. האט ער אים געזאגט, פאר געזונטערהייט. און מען האט געשמועסט דארט דער גאנצער עולם אז דער רפאל בלום פון קאשוי איז געקומען אויף יום טוב, אזוי האט זיך אפגעשטילט די מחלוקת. דאס איז געווען זיין מהות, צו זעהן עס זאל זיין שלום.

## לימוד תורה בימי האבלות

**הרה"ג רבי יחזקאל טייטלבוים שליט"א דומ"ץ סאטמאר קליימער:** עס שטייט אין **אור החיים הק'**, אז וועגן דעם טאר א אבל נישט לערנען, ווייל די תורה טאר נישט זיין מיט אבלות. נישט ווייל א אבל טאר נישט זיין בשמחה, נאר די תורה טאר נישט זיין באבלות.

**הגר"י וואלפין:** עס שטייט אין **כלי יקר** אויפן פסוק (בראשית כז-מא) יקרבו ימי אבל אבי, אז עשו האט געווארט אז דעמאלטס וועט נישט זיין די כח פון יעקב'ס תורה. און מען פרעגט א קשיא דערויף, אז מען מעג דאך לערנען הלכות אבלות. נאר לערנען אן שמחה, איז נישט קיין לערנען.

**רבינו:** אין אדם לומד אלא במקום שלבו חפץ (ע"ז יט.), דער חלק פעלט, ווייל ער מוז לערנען א זאך וואס ער איז נישט דערביי יעצט. - מען קען דאך נישט לערנען וועגן פקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט). פארוואס אויב ער לערנט הל' אבלות, איז נישט דא קיין פקודי ה' ישרים משמחי לב? פארוואס פעלט אין די שמחה, ער לערנט נאך אלץ תורה?

**הגר"י וואלפין:** מען זאגט דאך, אז עס איז אין לבו חפץ.

**רבינו:** אפילו עס איז לבו חפץ, מעג ער דאך אויך לערנען. נאר די טייטש איז, אז וויבאלד ער איז נישט מסיח דעת פון די אבלות, שטערט עס נישט. ער איז טאקע בשמחה פון איין זייט, אבער ער פארגעסט נישט פון די אבלות. אבער ווען ער לערנט עפעס אנדערש איז ער מסיח דעת פון די אבלות, און עס איז נאר דא די שמחה פון תורה. דא איז אויך דא שמחת התורה, אבער עס איז מיט א שילוב פון ער איז עוסק אין עניני אבלות.

**הגר"י וואלפין:** איך האב איבערגעזאגט א ווארט אין ישיבה, אז דער **קאזניצער מגיד זי"ע** (עבודת ישראל פ' נשא) ברענגט ארונטער די שאלה, וואס איז די חילוק, אז ביי א נזיר איז דא גדל פרע, א נזיר האט א נזר אלקיו על ראשו (במדבר ו-ז), עס איז עפעס א גרויסע זאך יא צו האלטן די האר. און ביי די לויים שטייט פארקערט, והעבירו תער על כל בשרם (שם ח-ז) מען האט אראפגענומען די האר מיט א תער. איז עס יא א

גוטע זאך, אדער נישט קיין גוטע זאך, וואס איז דער פשט.

דער ביאור הדבר איז אזוי, אז בעצם איז די האר געמאכט געווארן אויף א שמירה. מען זעהט אז עס איז דא בעלי חיים וואס זיי באקומען האר אין די ווינטער, איז עס א שמירה פון א דרויסדיגע זאך. א נזיר איז אפגעזונדערט פון די וועלט, און ער דארף זיך גוט ארומנעמען, און נישט נשפע ווערן פון אינדרויסען, ער איז העכער. א לוי איז פארקערט, נתונים המה לבני ישראל, עס שטייט פינף מאל 'בני ישראל' (במדבר ח-יט), זיין עבודה איז צו ווערן איבערגעגעבן צו די כלל, איז ביי אים דא א ענין פון העברת שער, אוועקצונעמען די הפסק. ביי א מצורע איז דא די ענין פון גדל פרע, ווייל ער קען נישט האבן קיין שייכות מיט מענטשען, ביי אים איז דא א ענין פון גדל פרע. - וואס איז די פשט ביי א אבל, אז ביי אים איז אויך דא א ענין פון א גידול פרע. נאר אזוי ווי דער רב האט פריער געזאגט, ווייל היות ער דארף זיך אלעמאל דערמאנען וואס ער האט פארלוירן, די האר איז דער פשט, אז ער האט נישט די השפעה פון די סביבה, וואס זאל אים שטערן פון זיין אבלות, ער דארף זיין אזוי.

**רבינו:** די הלכה איז טאקע אזוי, ער טאר נישט וועגן דעם ארויסגיין פון שטוב, כדי ער זאל נישט מסיח דעת זיין פון די אבלות. ער מוז זיין מצומצם (עיין שו"ע יו"ד סימן שצ"ג). - מען זעהט אבער (סנהדרין כב:), אז א כהן גדול האט זיך געדארפט שערן יעדע וואך, כסום יכסמו את ראשיהם (יחזקאל מד-כ).

**הגר"י וואלפין:** ביי א מלך איז דאך אויך געווען אזוי, חוץ דער ענין פון יופי (סנהדרין שם). ביי אים איז אויך דא אביסל דער ענין אז ער דארף זיין טרוד מיטן כלל ישראל.

---

## עובדות ושיחות בענינים שונים

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז דא א קארטל פונעם **שאמלויא'ער רב**, דאס איז פאר אייער זיידן אדער פאר אייער טאטע.

**גאב"ד טענקא:** פארן זיידן, דער **נאדיפאלי רב זצ"ל**. זיי זענען געווען זייער נאנט (ראה בהקדמת **דרשות לחם שלמה** אות לו), זיי זענען טאקע געגאנגען צוזאמען אויף (עקדה"ש). מיר האבן א קאזין אין ארץ ישראל, וואס איז מיטגעגאנגען ביז מען האט זיי צוטיילט, זיי זענען צוזאמען אומגעקומען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער ברודער האט געהייסן נאכן **שאמלויא'ער רב**.

**רבינו:** נאך וועם האט דער טאטע (הגה"צ רבי שלמה זלמן פריעדמאן זצ"ל אב"ד טענקא) געהייסן?

**גאב"ד טענקא:** דער טאטע האט געהייסן נאכן **יריעות שלמה**.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** האט אויך געהייסן נאכן **יריעות שלמה**.

**גאב"ד טענקא:** איך האב אים געפרעגט פארוואס ער האט אזוי געהייסן, איך ווייס נישט פונקטליך. מיר זענען נישט קיין אייניקלעך, און נישט קיין תלמידים. עפעס איז געווען א מעשה מיט א חלום,

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אפשר איז זיין שווער געווען א תלמיד.

**גאב"ד טענקא:** עס איז דא אסאך פון די גדולים וואס מען ווייסט כמעט נישט קיין סאך פון זיי.

**רבינו:** דער גאנצער דרך הלימוד איז היינט בטל געווארן.

**גאב"ד טענקא:** אפילו דעם **פני יהושע** לערנט מען שוין נישט אזוי היינט.

**רבינו:** אפילו דער **מהרש"א**...

**גאב"ד טענקא:** עס איז נישט צו פארשטיין. עס איז געווען אין בארא פארק א עלטערער יוד, קרוב צו פופציג יאר צוריק, א ארץ ישראל'דיגער יוד, פון עץ חיים, א גרויסער תלמיד חכם, און ער איז געזעסן אין בית המדרש א גאנצן טאג און געלערנט. און עס איז אויסגעקומען אז איך האב אים דערציילט אז איך בין א אייניקל פונעם **מנוחת אשר**. זאגט ער מיר, איך וועל אייך דערציילען א אינטערעסאנטע זאך, אונז פלעג מיר זאגן פשעטלעך, און פאר א גוטן פשעטל האבן מיר באקומען א עקסטרע תמיכה. און אונז פלעג מיר צו נעמען די פלפולים פונעם **מנוחת אשר**, און מען האט זיך מפלפל געווען. – ווער לערנט נאך היינט אזעלכע ספרים. זיי דרוקן איבער די פלאצקער ספרים, עס איז א סגולה, ער האט געשריבן אז ער וועט מלמד זכות זיין. פרעג איך זיי, די סגולה איז אז עס זאל ליגן אין שאפע,

און מען זאל עס לייגען צווישן די שמות?! מען האפט אז מען וועט לערנען דערין.

**רבינו:** פון וועם איז דער **נאדיפאלי רב** געווען א תלמיד?

**גאב"ד טענקא:** ער איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם**, און פון פרעשבורג.

**רבינו:** עס איז געווען א קליין שטעטל, און ער האט געקענט זיצן און לערנען רואיג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער גרויסער **אונסדארף'ער רב**, איך ווייס נישט צו עס איז געווען דרייסיג משפחות אין גאנץ אונסדארף, און ער איז געווען בקי בכל ...

**גאב"ד טענקא:** ער האט אליין געפירט די ישיבה, און די תלמידים האבן געהאט גרויס כבוד.

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין אמעריקא, האבן מיר זיך ארייינגעצויגען אין די דירה אויף דריי הונדערט און פינף און צוואנציג דיוויזשא"ן, די דירה וואו דער **סאמבאטהעלער רב** האט געוואוינט פון פריער. אייער פאטער האט דעמאלטס געזאגט פאר מיין פאטער, לאנג וועט מען נישט וואוינען דארט, איך האב אויך נישט געקענט לאנג וואוינען דארט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די טרעי"ן איז דארט אדורכגעפארן.

**גאב"ד טענקא:** און עס איז געווען א קליינע דירה. [ופנה להגה"צ מסערדאהעלי] איך בין געווען ביי אייער בר מצוה, איך געדענק נאך ווי מען האט באוואונדערט די פשעטל. דעמאלטס איז געווען אין וויליאמסבורג, אז בעלי בתים האט מען נישט געהאט צופיל, און די רבנים האבן גערופן איינער דעם אנדערן, איז יעדער געגאנגען.

*

**הר"ר מרדכי ווייס הי"ו:** ווען דער טאטע איז געווען אין סיגעיט, האב איך געהערט פון אים דעמאלטס אסאך זאכן.

**רבינו:** דער טאטע פלעגט פארן אהין כמעט יעדע יאר. דעם זומער וועקעשאן האט ער גענומען אנהייב ווינטער.

**ר"מ ווייס:** ער האט מיר דעמאלטס געזאגט, אז דער ברודער דער סערדאהעלער רב האט גארנישט געטון אנדעם וואס ער האט געפרעגט דעם **סאטמארער רב**. ווען מען האט אים גערעדט די בעלזער רבנות, איז דער רבי געווען דעמאלטס אין מיאמי, אבער ער פארט דאך נישט קיין מיאמי... האט ער גענומען דעם פליגער ביז צום עירפארט, און פון דארט גענומען א קאר צום רבי'ן אין שטוב אריין, און געפרעגט דעם רבי, און דער רבי האט אים אנגעוואונטשען. און ער האט גענומען א קאר, און גלייך צוריק אהיימגעקומען.

ער האט מיר אויך דערציילט, אז ער איז געווען מיטן זיידען דער **שאמלויא'ער רב**, ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל, און ער איז געווען ביים כותל. און דעם ערשטען טאג שבועות ווען ער האט געדאווענט דארט מוסף, און ער האט אנגעהויבן ומפני חטאינו גלינו מארצנו, ונתרחקנו מעל אדמתנו, איז געווען אזעלכע בכיות, אז ממש דער עולם איז געווען אויסער זיך. ער האט נישט געקענט צו זיך קומען (ראה בהקדמת **דרשות לחם שלמה** אות כ"ז).

דער **קראסנא רב** איז דאך געווען א איידעם ביים **שאמלויא'ער רב**, ער איז געווען מיט מיין טאטע ז"ל אין פאריז אין יאר תש"ח, ווען מען האט מודיע געווען אז מען האט געווינען, האט ער געזאגט פאר מיין טאטען, דעמאלטס האט מען נאכנישט געהערט וואס דער רבי האט געזאגט, האט ער געזאגט, אז ער ווייסט נישט צו זייט דעם חורבן בית המקדש, צו כלל ישראל האט שוין געהאט אזא ביטערן טאג.

**רבינו:** דער קראסנא רב איז אסאך געווען ביים **שאמלויא'ער רב**, עס איז געווען איינגעבאקען אין אים (ראה בהקדמתו **בשו"ת כונת הלב**).

---

## זכרונות מאת הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל

---

**רבינו:** רבי מרדכי (שווארץ הי"ו, מזקני תלמידי סערדאהעלי) געדענקט נאך ווען דער **שאמלויא'ער רב** איז געקומען קיין סערדאהעלי.

**הר"ר מרדכי:** יא. מען האט אים מכבד געווען צו זאגן א דרשה אין די גרויסע שול.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** וויפיל זיצן זענען געווען אינעם גרויסן שול?

**הר"ר מרדכי:** איך ווייס נישט. עס איז געווען א גרויסע שול. איינע פון די גרעסטע שולן אין די

גאנצע געגענט. יעצט איז נישט דא נאר דעם רבי'נ'ס ישיבה, ניטאמאל די גאנצע. אין די תלמוד תורה וואוינט מען שוין.
**רבינו:** די תלמוד תורה און די ישיבה זענען געווען אין איין בנין?
**הר"ר מרדכי:** יא. ווען מען האט געדאווענט האב איך זיך געשטעלט ביי די פענסטער נעבן דעם רבי ז"ל. ווען דער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי) האט חתונה געהאט (בעיר מאקאווא), האב איך געהאלפן דעם רבי'ן איינפאקן די פעקלעך, און ביים אוועקפארן האט ער מיר געגעבן די שליסל פון דער הויז, און ער האט מיר געזאגט, דו ביזט פארלעסליך, איך פארלאז מיך אויף דיר. איך האב דא משכונות פון יודען, דו האסט די שליסל, אויף דיר פארלאז איך זיך.
**רבינו:** ענק האט מען נישט דעפארטירט צוזאמען מיטן זיידען?
**הר"ר מרדכי:** ערב פסח האבן מיר נאך איינגעקנעטן די טייג פאר די מצות מיטן רבי'ן זכרונו לברכה, און אינמיטן קנעטן איז געקומען א דייטשער, און דער רבי זכרונו לברכה, און מיר אלע, זענען אוועקגעלאפן. מען איז אריינגעלאפן צו רבי אבא חייא טויבער, ער האט געוואוינט נישט זייער נאנט, און דער רבי איז שוין נישט אהיימגעגאנגען וואוינען, ער האט דארט געמאכט די סדרים, ביי רבי אבא חייא טויבער.
**רבינו:** ביים סדר איז ער אויך געבליבן דארט?
**הר"ר מרדכי:** יא, ער האט מורא געהאט ארויסצוגיין פון הויז, אים האט מען עקסטער געזוכט. חול המועד איז ער געפארן אויף קעמארן.

---

## אודות כ"ק האדמו"ר רבי משולם זוסיא מטשערנאביל זצ"ל

---

**רבינו:** איך געדענק דעם טאטן ווען ער פלעגט קומען קיין מאנטריאל, ער פלעגט איינשטיין ביי רבי חיים איינהארן ז"ל.
**האדמו"ר מטשערנאביל:** יא, אין די כ' יארן. שפעטער ווען רבי חיים האט זיך געצויגן אויף סקווירא, איז ער איינעשטאנען ביי רבי שמעון צבי געשטעטנער.
**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך געדענק אים ווען ער איז געווען ביים **בעלזער רב ז"ל**, אין יאר תשי"ז.
**האדמו"ר מטשערנאביל:** דאס לעצטע יאר. ער האט געהאט א שטארקע ענדליכקייט צום **בעלזער רב**.
**רבינו:** איר ענדעלט אויך צום טאטן. ער האט געהאט א בעלזער צורה.
**א' מהנוכחים:** דער **בעלזער רב** האט געהאט א טשערנאבלער צורה. ווען **רבי זושא'לע** (מטשערנאביל) איז איינגעשטאנען ביי מיין זיידן, זענען יודען אים געקומען זעהן. מען האט געוואלט זעהן דעם בעלזער רב'ס צורה.
**רבינו:** ער האט זיך אסאך געדרייט ביי זיין זיידען **רבי ישעי'לע** (מטשעחויב) מער ווי אין בעלזא.
**האדמו"ר מטשערנאביל:** ער איז געווען דארט אפאר יאר.
**רבינו:** ער האט אלץ גערעדט פון **רבי ישעי'לע**.
**האדמו"ר מטשערנאביל:** יא, ער איז געווען קודם אין ארץ ישראל, און שפעטער איז ער צוריקגעפארן צום זיידען.

---

## אודות מרן החתם סופר ותלמידיו זי"ע

---

**הרה"ג רבי שמשון כ"ץ:** דער **קאטמונער רב** איז אמאל געווען אין פאפא קעמפ אויף א שבת, און ער האט געזאגט א דרשה, האט ער געזאגט, אז זיין טאטע איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם**, און נאכן חתונה איז ער ווייטער געגאנגען צום שיעור יעדן טאג. האט ער געזאגט, היינט האט מען נישט קיין געדולד דערצו.
**רבינו:** מען ברענגט צו אויפן **חתם סופר**, אז **רבי הלל קאלאמייער**, איז געווען א תלמיד פונעם **חתם סופר**, און ער איז נישט געקומען צו אלע שיעורים פונעם **חתם סופר**. ער האט געהאלטן אז די שיעורים זענען אים נישט וויכטיג. און דער **חתם סופר** האט אים אמאל געזאגט, דו וועסט נאך אמאל חרטה האבן אויף יעדן שיעור וואס דו האסט פארפעלט. און זייט דעמאלטס האט ער נישט פארפאסט קיין איין שיעור.
**א' מהנוכחים:** דער **חתם סופר** שרייבט אויף זיין רבי, **רבי נתן אדלער**, אז איך האב נישט פארפעלט צו לערנען פון אים וואס איך האב געקענט, ככלב המלקק.
**הגר"ש כ"ץ:** דער **חתם סופר** האט זיך אפגערעדט אויף זיינע תלמידים, אז זיי זענען

ניסט אזוי להוט נאך אים, ווי ער איז געווען להוט נאך זיין רבי. האט ער געזאגט, ווייל איך האב געהאט א אנדערע רבי ווי ענק האבן...

**טבילה במקוה לעילוי נשמה**

**הרב שמואל פריעד:** מיין טאטע (הרב יצחק מנשה פריעד ז"ל) פלעגט זאגן, אז ער האט געהערט פונעם **גאלאנטער רב**, בשם דעם **שינאווא רב**, אז לאחר מאה ועשרים אויב מען טובל'ט זיך פאר א נשמה, איז עס א טובה פאר די נשמה. שפעטער האט מען געטראפן פונעם **חיד"א**, אין **פתח עינים**, אויף די משנה אין ברכות, רבי גמליאל רחץ לילה הראשון שמתה אשתו (ברכות טז:), ער ברענגט אזוי פון **רבי שמשון אוסטראפאליע זצ"ל**[ב].

**בנו הרה"ג רבי אשר אנשיל שליט"א אב"ד חרדים:** מיין שווער (**האדמו"ר מנאדבורנא ב"ב זצ"ל**) האט געלאזט צוואה, אז ער בעהט אז דער עולם זאל גיין אין מקוה פאר אים יעדן טאג לאחר פטירתו, און מען זאל זאגן אז עס איז לעילוי נשמתו.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט אזוי פונעם **מונקאטשער רב** (בצוואתו).

**הרב רבי יהושע:** פונעם **גאלאנטא רב** ברענגען זיי אין ספר **נחלי יהושע**, בשם זיין תלמיד רבי אשר יונה וויינבערגער ז"ל וואס ער האט געהערט פונעם **גאלאנטער רב**, אז דער **רבי ר' מענדלע רימנוב'ער** האט אזוי מצווה געווען פאר זיינע תלמידים, זיך צו טובל'ן לעילוי נשמתו.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **קאפישער רב** פלעגט צו זאגן, אז עס האט נישט קיין מקור. - דער **מונקאטשער רב** אליין איז אויך געגנוג א מקור.

[ב] וזה לשון **החיד"א** בספרו **פתח עינים**: במשנה רחץ בלילה הראשון וכו' אסטניס אנו וכו'. כתבו המקובלים שרבן גמליאל היו מעוברים בו ששה נשמות, נשמת אברהם אבינו ע"ה, ונשמת רב סימון בר אבא, ונשמת רב טביומי, ונשמת נחום, ונשמת יהודה, ונשמת רב סחורה. לכן רבן גמליאל היה רוחץ לעולם לכבוד ותיקון נשמות אלו. ועל פי זה רמז **הרב הקדוש מוהר"ר שמשון מאסטרפולי זלה"ה** במשנתנו, רחץ בלילה הראשון וכו', אסטני"ס אני, ר"ת א'ברהם ס'ימון ט'ביומי נ'חום י'הודה ס'חורה. ולכבודם ותקונם מוכרח לרחוץ לעילוי נפשם שעלו מן הרחצה ודפח"ח.

**הרב רבי יהושע:** עס איז געווען א עלטערע יוד אין בארא פארק, ער איז אוועק פאראיאר, ער איז געווען א תלמיד פונעם **מנחת אלעזר זצ"ל**, און זיין זון פלעגט מיטגיין מיט אים יעדן טאג אין מקוה אויף די עלטערע יארן, און ער האט געזען אויף איין טבילה ווי ער לייגט ארויף די הענט אויפן קאפ. האט ער אים געפרעגט וואס דאס איז? האט ער אים געזאגט, דו מיינסט אז איך וועל זיך טובל'ן פארן רב מיט א הוילן קאפ?!...

**רבינו:** די וואסער איז אויך א קאפל, מער ווי די הענט. די הענט איז נישט קיין כיסוי, עס איז דער זעלבער מין (עיין **בשו"ע** או"ח סימן צ"א סעיף ד'), די וואסער איז א כיסוי.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די מצוה פון טבילה אליין, דאס קען מען טון אן צודעקן?!

**צדיקים מבקשים לישב בשלוה**
**וקפץ עליהם רוגז...**

**האדמו"ר מסאטמאר** (ק"י): ער האט געהייסן מן הסתם נאכן **שאמלוי'ער רב**, אזוי שטעל איך זיך פאר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער טאטע ז"ל איז געווען א תלמיד פונעם זיידן, מער ווי פונעם **סערדאהעלער רב**.

**רבינו:** דער טאטע פלעגט צו זאגן אויפן **שאמלויא'ער רב**, איך בין א אייניקל פון אים, און א תלמיד פון אים, און א חסיד פון אים.

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער **שאמלוי'ער רב** איז געווען א תלמיד פונעם **קול אריה**. - דער **קול אריה** האט געהאט גרויס עגמת נפש אין בערעגסאז, ער האט געהאט צו טון מיט א חזן. מען האט אויפגענומען א חזן שלא לרצונו, און ער האט זיך אויפגעשטעלט אין בית המדרש אויפן ארון קודש שבת פאר סליחות, און ער האט געזאגט, ער וועט נישט דא דאווענען! פארנאכטס ערב ראש השנה איז אנגעקומען א יודענע, און זי האט געזאגט, אז דער חזן האט איר איבערגעלאזט א עגונה, און ער האט חתונה געהאט מיט א צווייטע פרוי, און מען האט ארעסטירט דעם חזן ערב ראש השנה נאכמיטאג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט אין **תולדות קול אריה**, אז דער **ייטב לב** איז געוועזן זייער בידידות מיט אים, נאך פון איהעל, און ער האט אים געפרעגט ווי אזוי ער האט זיך געוואגט צו זאגן אזוי אפען קעגן דעם ארון הקודש. האט ער אים געזאגט, איך האב געוואלט ווייזן אז א יוד וואס פלאגט זיך ערליך אויף א שטיקל גמרא, אדער אויף א הארבען רמב"ם, איז אויך ווערט אז דער אייבערשטער זאל אים צושטיין צו וואס ער דארף האבן. און איך האב זיך פארלאזט אויף א הבטחה פונעם **צאנזער רב**, דער **דברי חיים** האט אים אמאל געבעטן אז ער זאל אים צוזאמשטעלן געלט, און ער האט אים מחיה געווען, און ער האט אים געזאגט, אז ער וועט אים באצאלן. און יעצט האב איך עס אפגענומען.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ער האט געהאט גרויס עגמת נפש, ער האט געהאט צוטון מיט די שטאט. עס איז געווען פראסטאקעס אינעם שטאט, עס איז געווען די שוסטערס מיט די שניידערס זיי האבן פארפירט, און זיי האבן געוואלט דעם חזן. און דער **קול אריה** האט געזאגט, עס איז א חידוש, די יודען אין מדבר אלץ האבן זיי פארפירט, מען זעהט נישט אז זיי האבן געדארפט א חזן. האט ער געזאגט, ווייל ווער דארף א חזן, די שוסטערס און די שניידערס, און אין מדבר איז געווען שמלתך לא בלתה ורגלך לא בצקה (דברים ח-ב), עס איז נישט געווען קיין שוסטערס און שניידערס, האט מען נישט געדארפט קיין חזן.

עס איז אינטערעסאנט, אלע רבנים האבן געליטן, אלע האבן געהאט עגמת נפש.

**רבינו:** דער **ישמח משה** אליין האט דאך אויך געהאט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **ייטב לב** האט אויך געהאט, אלע האבן געהאט.

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער **ייטב לב** האט געהאט אין סיגוט בסוף ימיו גרויס עגמת נפש. און דעמאלטס איז פריי געווארן דאס רבנות אין מונקאטש, איז געקומען א דעלעגאציע פון מונקאטש, און זיי האבן אים איינגעלאדענט אז ער זאל קומען קיין מונקאטש. האט ער נישט געוואלט. איז געקומען נאך א חשובע'רע דעלעגאציע, און זיי האבן געזאגט, דער רבי זאל קומען קיין מונקאטש, די גאנצע שטאט ווארט אויפן רבין. האט ער געזאגט, ווען ער איז געקומען קיין סיגוט, האבן מיך די כהנא'ישע געברענגט, און רבי משה אריה (פריינד זצ"ל) איז אים אפילו נישט געקומען קיין שלום געבן, און צום סוף איז געווארן פארקערט, רבי משה אריה איז אים געווארן דער גוטער פריינד, און זיי זענען געווארן די קעגנערס. זאגט ער, די גאנצע שטאט ווארט מיך אפ, נו, וואס וועט זיין נאכדעם...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מאתיה, לא משום דמעלי טפי, אלא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא (כתובות קה:).

**רבינו:** די היינטיגע רבנים האבן אויך עגמת נפש, עס איז נישט נאר געווען אמאל...

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער **חתם סופר** האט אויך געהאט אין פרעשבורג עגמת נפש, און דער **כתב סופר** נאך אסאך מער. מען קען היינט נישט פארציילען אז דעם **כתב סופר** האט מען אויפגעהאלטן לאחר פטירתו דריי מעת לעת, ווייל מען האט נישט געוואלט אויפנעמען דעם זון. מען וואלט עס היינט געקענט גלייבן אפילו?! דריי מעת לעת האט מען אויפגעהאלטן דעם **כתב סופר**.

רבי **שמעון סופר** איז געווען א זון פונעם **חתם סופר**, און מען האט אים אויפגענומען פאר רב אין קראקא, און ער האט געדארפט זאגן די ערשטע דרשה אין קראקא, האבן אים די גרויסע לומדים אפגעווארט, אויף די ערשטע שורה ביים שיעור, אז ווען ער וועט אנהייבן צו זאגן די דרשה, וועט מען אים אריין פרעגן. ווען ער איז אנגעקומען צו זאגן די דרשה, און ער האט זיך אומגעקוקט ווער עס זיצט די ערשטע שורה, האט ער געכאפט וואס דא גייט פאר, וואס עס ווארט אים. האט ער אנגעהויבן מיט א מעשה, אז אין פרעשבורג ביים טאטן (החתם סופר) איז געווען א יוד וואס האט געהאלטען אפן זיין געשעפט אין שבת, און דער פאטער האט מיר געשיקט מיט א שליחות, איך זאל גיין זאגן אז מען זאל צושפארן דאס געשעפט. איך בין נאך געווען א יונגעל, און איך בין געגאנגען, און דער בעל הבית האט מיר געזאגט גיי ארויס פון דאנעט, און אז נישט וועל איך דיר דערלאנגען צוויי פעטש. איז ער צוריק געגאנגען צום

פאטער זאגן, אז מען האט גארנישט אויפגעטון. האט ער אים געזאגט, גיי צוריק און געב אים א התראה, האט רבי שמעון געזאגט, אבער ער האט געזאגט אז ער גייט מיך שלאגן. האט אים דער **חתם סופר** געגעבן א שם, און ער האט אים געזאגט אז ער זאל אינזין האבן דעם שם. בין איך צוריקגעגאנגען, און דער יוד האט טאקע געוואלט מקיים פסק זיין, ער האט מיך געוואלט שלאגן, האב איך מכוין געווען דעם שם, און דער יוד האט זיך אויסגעצויגן. האט רבי שמעון סופר אויסגעפירט, רבותי, איך געדענק נאך דעם שם...

**רבינו:** ווי אזוי איז מען דאס מסביר? זיי זענען דאך געווען תלמידי חכמים אין די ערשטע שורה, וואס האבן זיי געוואלט?

**האדמו"ר מסאטמאר:** אזוי איז עס געווען.

עס קומט צו לאכן ווען מען זעהט וואס מען האט געטון מיט **רבי שמעון סופר. רבי שמעון סופר** איז געווען רב אין קראקא, א עיר ואם בישראל, און א יוד איז אריינגעקומען אמאל פורים נאכמיטאג, און ער האט געזעהן אז ער איז צוגעלייגט. האט ער געפרעגט, פארוואס איז דער רבי צוגעלייגט? האט ער אים געזאגט, איך בין א רב אין א גרויסע שטאט, און עס איז נישט דא קיין איין יוד וואס האט געשיקט משלוח מנות. זאגט דער יוד, וואס הייסט, אין אלע בתי מדרשים הענגט א צעטל אין רב'ס נאמען, אז ער בעהט אז קיינער זאל אים נישט שיקן קיין משלוח מנות...

**רבינו:** דאס האבן געטון אפאר שקצים, אבער מען רעדט דאך פון תלמידי חכמים...

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער זיידע, דער **קדושת יום טוב** איז געווען רב אין סיגוט, ער איז אמאל געגאנגען יום כיפור זאגן די דרשה אין שול, און א שטיין איז געקומען צופליען. שפעטער אויף די נאכט, איז א יודענע געקומען צולויפן, אז איר מאן איז צוזאמגעפאלן. האט ער געזאגט, איך האב נאר געוואלט וויסן ווער דאס איז געווען. דאס איז געווען יום הקדוש אויף דער נאכט.

**רבינו** (בצחות): מן הסתם האט ער עס צוגעגרייט ערב יום טוב, עס זאל נישט זיין קיין מוקצה...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **טאטע זכרונו לברכה** פלעגט דערציילן אז ביים **קול אריה זי"ע**, איז אויך איינמאל געווען אז דורכן פענסטער האט איינער אריינגעווארפן א שטיין. האט דער **קול אריה** געזאגט, אז מיט דעם פארשטייט ער וואס רש"י ברענגט אויף צהר תעשה תיבה (בראשית ו-טז) צוויי פשטים, צו עס איז געווען א אבן טוב, אדער א פענסטער. ווייל עס איז דא מחלוקת (זוה"ק ח"א נח:), צו נח האט מוסר געזאגט פארן דור, צו נישט. אויב זאג איך אז ער האט נישט מוסר געזאגט, האט געקענט זיין אויך א פענסטער, און אלעס וואלט געווען גוט. טאמער איך נעם אן אזוי ווי די דיעות אז ער האט יא מוסר געזאגט, האט דאך נישט געקענט זיין א פענסטער, ווייל מען וואלט דאך אויסגעשאסן די פענסטער, האט געמוזט זיין נאר א אבן טוב.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ביים זיידן דער **ייטב לב** איז געווען א אנדערע מעשה, אז מען האט געווארפן שטיינער, און מען האט אויסגעבראכן א פענסטער. און עס איז געווען אינטערעסאנט, ווייל ווען מען האט געקוקט אויף די שטיין, האט מען געזעהן אז דער שטיין איז געווען גרעסער ווי דער לאך פון וועלכע עס איז אריינגעקומען. האט ער געזאגט א ווערטל, אז רש"י זאגט אין פרשת ויצא (כח-יא), התחילו האבנים מריבות זו עם זו, יעדער האט געזאגט עלי יניח צדיק את ראשו, איך וויל פליען דעם צדיק אין קאפ אריין. האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, אז עס זאל זיין איין שטיין.

עס איז אינטערעסאנט, ער האט געהייסן אז מען זאל אוועקלייגן די שטיינער.

**רבינו:** וואס האט ער געוואלט מיטן אוועקלייגן די שטיין.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ווען ער האט געבויט דעם בית המדרש, האט ער מיט די שטיינער געלייגט די אבן הפינה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס האט מיר פארציילט **רבי אהרן ארי' כ"ץ זצ"ל**, ער איז געווען א סאטמארער געבוירענער, און א סאטמארער תלמיד, ער האט זיך אסאך געדרייט ביים רבי'ן, ער איז געווען פון די שטוב מענטשען. האט ער פארציילט, אז אין די שווערע יארן, האבן די גוים אמאל אריינגעווארפן א שטיין, און עס איז אריינגעגאנגען אינעם ספרים שאנק, עס האט אדורכגעלעכערט די גלאז, און עס האט זיך

אפגעשטעלט ביי א ספר, האט מען געפענט דארט ווי עס איז אנגעקומען, איז עס אנגעקומען פונקט אויף א סוגיא פון בשלשה מקומות הכהנים שומרים במקדש (תמיד א-א).

**האדמו"ר מסאטמאר:** עס איז געווען א קויל וואס מען האט אריינגעשאסן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך געדענק אמאל פרייטאג צונאכטס, ווען דער רבי האט נאך געפירט טיש אין קליימער, אונטן אין בעיסמענט אין זיין בית המדרש, איך בין דארט געווען, עס איז געווען א גרויסע רעגן אינדרויסן, און אינמיטן טיש איז פלוצלינג געקומען א שטארקער דינער, אזוי ווי עס מאכט זיך אמאל, ממש אזוי ווי א שאס. און ער האט זיך דערשראקן, און ער האט זיך אראפגעבויגן אזוי ווי ווען מען פלעגט שיסן.

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער טאטע (בעל ברך משה) האט אמאל געפרעגט דעם פעטער, צו ער האט נישט מורא אז מען גייט שיסן. האט ער אים צוריק געפרעגט, דו האסט מורא? האט ער געזאגט, איך בין נעבן פעטער, איך האב נישט מורא. איך פרעג צו די פעטער האט נישט מורא. רופט ער זיך אן, איך בין גרייט.

**רבינו:** וועלכע יאר איז דאס געווען בערך, אין די גאנץ ערשטע יארן?

**האדמו"ר מסאטמאר:** דאס ווייס איך שוין נישט, אזוי האט דער טאטע עס פארציילט, ער האט געזאגט איך בין גרייט.